אויף תיכף ארויסצוגעבן: 12/23/2025 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארמערטע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און סטעיט פאליציי פאטראלן דורכאויס האלידעי רייזע סעזאן**

***איינס פון עטליכע יערליכע אלקאהאל- און דראג-פארבינדענע אינפארסירונג קאמפיינען פינאנצירט דורך די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע***

***קאנסטרוקציע פארשפארונגען צייטווייליג געעפנט צו פארגרינגערן האלידעי רייזעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט דערמאנט ניו יארקער אז סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן באטייליגן זיך אין אן אנגייענדע לאנד'ס-ברייטע אינפארסירונג סטראטעגיע צו אראפנעמען שיכור'ע דרייווערס פון אונזערע שאסייען דעם האלידעי סעזאן. די " Drive Sober or Get Pulled Over" (דרייווט ניכטער אדער ווערט אפגעשטעלט) קאמפיין – אן אינציאטיוו פינאנצירט דורך די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) – וועט לויפן ביז דאנערשטאג, יאנואר 1, 2026.

"סיי ווער וואס מאכט די באשלוס צו ארייגלייגן זיך אליין אדער אנדערע דרייווערס אין געפאר דעם האלידעי סעזאן וועט באקומען א טיקעט אדער אויסשטיין קרימינאלע קלאגעס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונזער סטעיט האט נישט קיין שום טאלעראנץ פאר שיכור'ע און לייכטזיניגע דרייווערס, ווייל די זיכערהייט פון ניו יארקער איז שטענדיג מיין הויפט פריאריטעט."

אין צוגאב צו די טשעקפוינטס און פאטראלן פאר מענטשן וואס דרייווען שיכור'ערהייט ( driving while intoxicated, DWI), וועלן געזעץ אינפארסירונג אפיצירן אויך זיין אויפן וואך פאר שנעל-פארנדע דרייווערס, דרייווערס וואס זענען פארנומען מיט אנדערע זאכן און דרייווערס וועלכע פארלעצן דעם "רוק זיך אריבער געזעץ" (Move Over Law), וואס פארלאנגט פון דרייווערס צו זיין באזונדערס פארזיכטיג ביים אריבערפארן סיי וועלכע קאר/טראק וואס איז אפגעשטעלט אויף- אדער אין זייט פון די שאסיי.

**ניו יארק סטעיט DMV קאמישאנער און GTSC פארזיצער, Mark J.F. Schroeder (מארק דזש. פ. שרעידער), האט געזאגט,** "די האלידעיס זענען א וואונדערבארע צייט צו פייערן, אבער איר מוזט פייערן פאראנטווארטליכערהייט. אויב איר דרייווט שיכור'ערהייט און פארלעצט דעם געזעץ, וועט איר אויסשטיין קאנסעקווענצן און געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך. נעמט די צייט צו פלאנירן פאר א ניכטערע רייזע אהיים, האלט זיך צוריק פון זאכן וואס נעמען אוועק די קאפ ביים רעדל און פארט שטייטער, באזונדערס אין שווערע טראפיק אדער שווערע וועטער אומשטענדן."

**ניו יארק סטעיט פאליציי (New York State Police) סופּעראינטענדענט, Steven G. James (סטיווען ג. דזשעימס), האט געזאגט,** "אזוי ווי דרייווערס פארן אריבער די סטעיט צו זעהן פריינט און פאמיליע דעם האלידעי סעזאן, מוטיגן מיר זיי צו מאכן זיכערע דרייווען אויפפירונג פאר א פריאריטעט. עס איז נישטא קיין תירוץ פארן דרייווען שיכור'ערהייט, און ווען איינער מאכט די באשלוס צו דרייווען נאכן

נוצן אלקאהאל אדער דראגס, שטעלן זיי די לעבנס פון אנדערע אין געפאר. די סטעיט פאליציי וועט פארזעצן צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים צו אנטמוטיגן און כאפן שיכור'ע דרייווערס. איך באדאנק די GTSC פאר זייער שותפות ביים אויפקלערן און ציהען אויפמערקזאמקייט צווישן אלע וועלכע זעצן זיך אריין אין א קאר/טראק אין ניו יארק סטעיט."

**קאנסטרוקציע אפשפארונגען צוריק געעפנט**
אין א באמיאונג צו פארגרינגערן רייזעס דורכאויס די פארנומענע האלדיעי סוף וואכן, וועלן צייטווייליגע לעין אפשפארונגען פאר ראוד און בריק קאנסטרוקציע פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס אוועקגענומען ווערן אנגעהויבן פון 6 אינדערפרי מיטוואך, דעצעמבער 24 ביז 6 אינדערפרי מאנטאג, דעצעמבער 29, און נאכאמאל פון 6 אינדערפרי מיטוואך, דעצעמבער 31 ביז 6 אינדערפרי מאנטאג, יאנואר 5, 2026.

די אפשטעלונג פון קאנסטרוקציע איז אין איינשטימונג מיט ניו יארק סטעיט'ס 'דרייווערס ערשט' (Drivers First) איניציאטיוו, וואס לייגט פריאריטעט אויף די באקוועמליכקייט פון דרייווערס צו מינימיזירן טראפיק אנגעלייגטקייט און רייזע פארשפעטיגונגען צוליב שאסיי און בריק ארבעט. דרייווערס זאלן נעמען אין אכט אז טייל ארבעט וועט מעגליך פארזעצן הונטער פערמאנענטע צוימען פון בעטאן אדער פאר עמערדזשענסי פארערכטונגען.

דרייווערס מוזן אויספאלגן די סטעיט'ס 'רוק זיך אריבער' געזעץ, וואס איז אויסגעברייטערט געווארן אין מערץ פון 2024 צו פארלאנגען פון דרייווערס צו פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן פאר אלע קארן/טראקס וואס זענען אפגעשטעלט אויפן זייט פון די שאסיי. די טרו-וועי אויטאריטעט ( Thruway Authority) און ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) רופן אויף דרייווערס צו בלייבן וואכזאם בשעת'ן דרייוון און פארן שטייטער און זיך זיכערערהייט אריבעררוקן ווען זיי זעהען א קאר/טראק אויפן זייט פון די שאסיי. די לעבנס פון דרייווערס, ארבייטער, ראַוד ארבייטער און עמערדזשענסי מאנשאפט מיטגלידער זענען געוואנדן דערויף.

טעקסטינג סטאפס, אריינרעכענענדיג 'פארק-ענד-רייד' איינריכטונגען, רעסט און סערוויס עריעס, און פארקינג פלעצער לענגאויס סטעיט הייוועיס שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייוען. די ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט וועט אויך פארזעצן איר טראדיציע פון צושטעלן אומזיסטע קאווע און הייסע טיי פאר רייזנדע לענגאויס די טרו-וועי פון 11 ביינאכט פון די ערשטע נאכט פון דעם נייעם יאר ביז 7 אינדערפרי דעם קומענדיגן אינדערפרי כדי צו שטופן פאר זיכערהייט און וואכזאמע דרייוען.

אלע 27 סערוויס עריעס וועלכע געפונען זיך אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי זענען יעצט אפן. דרייווערס קענען זעהן די סערוויס עריעס און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרו-וועי אויטאריטעט'ס וועבזייטל און אויף די אומזיסטע טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android כלים. די עפּ גיבט אויך פאר דרייווערס דירעקטע צוטריט צו בשעת-מעשה'דיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

דרייווער קענען אויך קוקן אויף NYSDOT's 511NY בעפארן ארויספארן דורך רופן 5-1-1, באזוכן די 511 וועבזייטל אדער דאַונלאָודען די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ אויף די Apple App Store אדער Google Play. די אומזיסטע סערוויס ערמעגליכט באניצער צו נאכקוקן שאסיי אומשטענדן, זעהן 2,219 טראפיק קאמערעס און זיך פארבינדן צו לופט און טראנזיט אינפארמאציע. די עפּ האט אויך א 'דרייוו'

פיטשעווקע וואס גיבט אלערטס דורך א שטימע לענגאויס אן אויסגעוועהלטע רוט בשעת'ן דרייווען, ווארענענדיג דעם דרייווער איבער אינצידענטן און קאנסטרוקציע.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגעז), האט געזאגט,** "שיכור'ע דרייווערס שטעלן נישט נאר זיך אליין- נאר אויך אנדערע אין געפאר ווען זיי מאכן די נישט ריכטיגע באשלוס זיך צו אוועקזעצן ביים רעדל. דורכאויס די סעזאן פון פייערונג, ווילן מיר דערמאנען דרייווערס אז די וויכטיגסטע זאך איז צו אנקומען אהיים זיכערערהייט צו פאמיליע און פריינט. און מיט כסדר טוישנדע ווינטער וועטער אומשטענדן, געדענקט ביטע צו פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן פאר שארער טראקס, עמערדזשענסי אדער צובראכענע קארן. אייערע שריט הונטערן רעדל האבן א דירעקטע ווירקונג אויף יעדן איינעם אנדערש אויפן שאסיי, דערפאר מאכט זיכער צו מאכן די ריכטיגע באשלוסן ווען עס קומט צו זיכערהייט דעם האלידעי סעזאן."

**ניו יארק סטעיט טרו-ווער אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Frank G. Hoare (פרענק ג. האור), האט געזאגט,** "דעם האלידעי סעזאן, ווילן מיר אז יעדער איינער זאל אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס זיכערערהייט און מיט ווייניגער פארשפעטיגונגען. מיר מוטיגן דרייווערס זיך צו גרייטן פאר שווערע וועטערס, איבערלאזן מער צייט צו פארן און האבן עמערדזשענסי געצייג אין די קאר. אונזערע ארבייטער און עמערדזשענסי מאנשאפטן ארבעטן ארום די זייגער, און זייערע לעבנס זענען אנגעוואנדן אויף דרייווערס פארנדיג שטייטער און זיך זיכערערהייט אריבעררוקן פאר אלע קארן/טראקס אויפן זייט פון די שאסיי. מיר באדאנקען אונזערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט פאליצײ טרופּ T פארן פאטראלירן די טרו-ווער און האלטן דרייווערס זיכער."

**שעטאַקווע קאונטי שעריף און פרעזידענט פון די New York State Sheriffs' Association, James Quattron (דזשעימס קוואטראן), האט געזאגט,** "מיט דעם ווינטער סעזאן שטייענדיג בעפאר אונז, איז דאס וויכטיגער פון סיי ווען נישט צו דרייווען שיכור אדער אגרעסיוו. פון היינט ביז דעם ערשטן טאג פון דעם נייעם יאר וועלן זיין פילצאליגע צאמקומען און פייערונגען מיט פאמיליע און פריינט. עס וועט אויך זיין מער אינפארסירונג צו כאפן, גיבן טיקעטס און אפילו ארעסטירן געפארפולע דרייווערס. דרייווען שיכור אדער אגרעסיוו ווערט נאך מער געפארפול מיט דעם וואס עס הייבט אן ווערן טינקל פריער און די טעגליכע מעגליכקייט פון אייזיגע אדער שנייעדיגע שאסייען. די שעריפס פון ניו יארק סטעיט ווילן אז איר זאלט געניסן פון דעם האלידעי סעזאן און זיין א דרייווער וואס רעכנט זיך מיט אנדערע דורכן נישט דרייווען שיכור אדער אגרעסיוו."

**New York State Association of Chiefs of Police פרעזידענט און מאונט פלעזענט פאליציי דעפארטמענט טשיעף אָוו פאליס, Paul Oliva (פאול אליוווא), האט געזאגט,** "דעם האלידעי סעזאן, געדענקט: פארט שטייטער, בינדט אייך צו, און טוט קיינמאל נישט דרייוון נאכן טרינקען. געזעץ אינפארסירונג וועט זיין אין פולן קראפט צו פארזיכערן אז יעדער קומט אן אהיים זיכערערהייט. העלפט האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט און דרייווט מיט אחריות."

די טראפיק אינפארסירונג קאמפיינען ווערן פינאנצירט דורך די GTSC, וואס שטופט פאר די באטייליגונג פון געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אויף די סטעיט, קאונטי און לאקאלע שטאפלען אין גאר אנזעהבארע אינפארסירונג באמיאונגען — און שטיצט זיי ביים דאס דורכפירן. גרענט פינאנצירונג איז געווידמעט צו ערמעגליכן צוגאבליכע טראפיק אינפארסירונג און אויפמערקזאמקייט קאמפיינען דורכאויס די צייטן פון די יאר, ווי די האלידעיס, ווען עס איז דא א העכערע פאטענציאל פאר דרייווערס וואס זענען אונטער איינפלוס פון אלקאהאל אדער דראגס צו זיין אויפן שאסיי.

דורכאויס די אינפארסירונג קאמפיין פארגאנגענעם יאר, האבן געזעץ אינפארסירונג איבערן סטעיט פארטיילט 129,686 טיקעטס. פון די טיקעטס זענען 23,339 געווען פאר ספיעדינג, 4,205 פארן דרייווען

בשעת'ן זיין פארנומען מיט עפעס אנדערש, 3,230 פאר סיעט בעלטס, 981 פאר דעם "רוק זיך אריבער געזעץ", און 4,264 מענטשן זענען ארעסטירט געווארן פאר שיכור'ע דרייווען. 93,667 דרייווערס האבן באקומען טיקעטס פאר אנדערע פארלעצונגען.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services) ציפערן ווייזן אז ארעסטן פאר 'פעלאָני' און 'מיסדימינער' שטאפל פארלעצונגען צוליבן דרייווען א קאר אונער די איינפלוס פון אלקאהאל אדער דראגס פירן צו דאס געפונען ווערן שולדיג אין אומגעפער 90 פראצענט פון פעלער.

די סטעיט פאליציי, די GTSC און נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע ( National Highway Traffic Safety Administration) אפפערן די פאלגנדע עצות צו מאכן די האלידעיס זיכערער פאר אלע:

- מאכט א פלאן פאר א זיכערע וועג אהיים בעפאר די פייערונג הויבט זיך אן;
- איידער איר טרינקט, באשטימט איינער צו זיין א ניכטערער דרייווער;
- אויב איר זענט אונטער די איינפלוס, נוצט א טעקסי אדער אנדערע קאר סערוויסעס, רופט א ניכטערער פריינט אדער קרוב אדער נוצט פובליק טראנספארטאציע;
- באנוצט זיך מיט אייער קאמיוניטי'ס 'ניכטערע היטש' פראגראם;
- אויב איר זעהט אן אנגעטרינקענער דרייווער אויפן שאסיי, האלט אייך נישט אפ פון זיך פארבינדן מיט די לאקאלע געזעץ אינפארסירונג;
- אויב איר ווייסט פון איינער וועלכער גרייט זיך צו דרייוון אדער פארן אונטער די איינפלוס, נעמט זייערע שליסלעך און העלפט זיי מאכן אנדערע פלענער וויאזוי צו אנקומען צו זייער ציל פארזיכערטערהייט.

די GTSC און די New York State STOP-DWI Foundation דערמאנען דרייווערס אז זייער [" Have a Plan" (האט א פלאן) טעלעפאן עפּ](#) איז דא צו באקומען פאר Apple, Android און Windows סמארטפאונס. דער עפפ טוט ערמעגליכן ניו יארקער צו טרעפן און רופן א טעקסי אדער רייד-שעיר סערוויס און פראגראמירן א דעזיגנירטע דרייווער ליסטע. עס שטעלט אויך צו אינפארמאציע איבער DWI געזעצן און שטראפן, און גיבט א וועג צו באריכטן פארדעכטיגטע שיכור'ע דרייווערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן